בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת תצוה




## די חיצוניות מיינט אסאן

### די בגדי כהונה טוען אונז אפהיטן

**אין** מסכת יומא טרעפן מיר א גמרא, וואס פרעגט די פאלגענדע קשיא: **מאי דכתיב 'את בגדי השרד לשרת בקדש'** - וואס מיינט די תורה ארויסצוברענגען מיט אנרופן די 'בגדי כהונה', מיט די ווערטער 'בגדי השרד' ?

און חז"ל ענטפערן אונז, מיט דעם פאלגענדן טיף באלערנדן ענטפער: 'אלמלא בגדי כהונה לא נשתייר משונאיהן של ישראל שריד ופליט' - ווען נישט די הייליגע בגדי כהונה, וואלט נישט איבערגעבליבן פון כלל ישראל קיין שריד ופליט.

דאס אידישע פאלק איז שוין אדורך א לאנגע און צומאל שווערע גלות, איגאנצן ארומגענומען פון אונזערע פיינט. און דאך עקזיסטירן מיר נאך. נישט נאר מיר עקזיסטירן, נאר מיר וואקסן און בליען ברוך השם. די גוים מעגן קריצן מיט זייערע ציין, אבער ס'טוט זיי גארנישט העלפן, עס בלייבט שטענדיג איבער א 'שריד', אן איבערבלייבעניש פונעם אידישן פאלק.

און חז"ל זאגן אונז, אז צוליב די 'בגדי שרד' איז געבליבן פון אידישן פאלק א 'שריד'.

דאס איז די אורזאך פארוואס די בגדי כהונה ווערן אנגערופן 'בגדי שרד', ווייל 'שרד' איז אויך א לשון פון איבערבלייבן.

דאס איז א זייער אן אינטערעסאנטע זאך צו זאגן, אז דאן בשעת ווען ס'איז געווען א בית המקדש, און די כהנים זענען געווען געקליידעט מיט די בגדי כהונה, האבן זיי נישט נאר געטוען די עבודה, נאר האבן דערמיט גאר אוועקגעשטעלט אויף שטענדיג א מקור הישועה פארן שארית הפליטה פונעם אידישן פאלק.

די דאזיגע מאמר חז"ל פאדערט פון אונז, צו אריינקלערן טיפער דערין, און דעריבער ווען מיר דאס צונעמען שטאפל-ווייז.

### א כהן וואס איז נישט קיין כהן

**אין** די תורה שטייט אז די '**בני אהרן הכהנים**' זאלן מקריב זיין די קרבנות, שטעלט זיך א פראגע, וואס איז דער באדייט פון דערמאנען 'הכהנים', ווייסן מיר דען נישט אז די 'בני אהרן' זענען די 'כהנים'? ס'איז דאך נישט דא קיין איבריג ווארט אין די תורה, איז לאמיר ארייקלערן וואס דאס ווארט קומט אונז לערנען.

די קשיא ווערט שוין געפרעגט אין גמרא מס' זבחים יז:, און די גמרא ענטפערט אונז אז דאס קומט לערנען 'בכהונם', אז די כהנים דארפן זיין אין זייער 'כהונה', דאס הייסט זיי דארפן זיין אנגעקליידעט ווי 'כהנים'.

אויב א כהן וועט טוהן די עבודה, פארפעלנדיג אפילו נאר איין קלייד, לאמיר זאגן אז נאר זיין גארטל

ווען מ'פעלט, איז ער נישט קיין 'כהן', ער איז דעמאלט א 'זָר', ער איז ווי א פרעמדער וואס קומט זיך צושטעלן צו מקריב זיין די קרבנות.

דארף מען דאס פארשטיין, נאך אלעם - דער כהן דינט השי"ת, ער ווייסט וואס דאס מיינט מקריב צו זיין א קרבן, ער האט זיך געלערנט און זיך פארגעגרייט צו די כהונה, און בלי ספק איז ער איבערגעגאנגען אלע דעטאלן פון די עבודה בעפאר זיין קומען צום בית המקדש צו דינען דעם אויבערשטן, אינעם וואך פון זיין משמר. און דאך, וויבאלד עס פעלט אים איין קליינע זאך פון די בגדי כהונה, זאגט די גמרא אז ער איז נישט קיין כהן?!.

## קליידונג אין פארגלייך צו מסילת ישרים

**אויב** זאלסטו ווען זאגן אז דער כהן דארף לערנען צוויי שעה מוסר, געוואלדיג! אויב זאל ווען זיין א תנאי אז בעפאר דער כהן מעג צוגיין צו די עבודה, דארף ער לערנען **מסילת ישרים** פאר צוויי שעה, וואלט דאס געווען פיל מער פארשטענדליך. וויבאלד זיין דעת ווערט דעהויבן און ער ווערט איבערגענומען פון די געוואלדיגקייט פון די מצוה וואס ער גייט יעצט טוהן. צוויי שעה חובות הלבבות, וועט זיכער דערהייבן דעם כהן'ס שכל אין בעפארגרייטונג צו די גרויסע עבודה פון דינען השי"ת אין בית המקדש.

אבער נישט דאס זאגן מיר דא. עס מאכט נאר אויס דאס זיך אנטוהן די קליידער. דאס איז דאך אזא מינדערוויכטיגע זאך ! אפילו ער זאל ווען אינגאנצן נישט טראכטן - למשל דער כהן האט בכלל גארנישט אינזין בשעת'ן אנטוהן די קליידער - און דערנאך טוט ער די עבודה, איז דאס כשר. זעהן מיר דערפון, אז נאר די קלייניגקייט פון זיין געקליידעט, מאכט דא אויס. פארוואס איז דאס אזוי וויכטיג אז דאס מאכט אים פאר א כהן?!

## די בגדי כהונה זאגן עפעס

**ווען** א כהן טוט זיך אן זיינע בגדים, וואס טוט ער דערמיט דעמאנסטרירן ? ער רופט אויס "דא איז דער הויז פון השם, און איך בין זיין באדינער". א באדינער פון א קעניג להבדיל, איז אויך אנגעקליידעט אויף א ספעציעלן וועג. ס'איז א שטאלץ פאר דעם קעניג ווען אלע זיינע באדינער, זענען געקליידעט לויט א געוויסע פראטאקאל און אויפפירונג. און דאס האבן די כהנים געטוהן. ווען א כהן טוהט זיך אן די בגדים, נעמט ער דעם ערשטן שטאפל אין עבודת ה'. ער טוט זיך אן, און דערמיט טוט ער זיך אידענטיפיצירן מיט די עבדי ה'. עס איז וויכטיג אויסצוקוקן ווי אן עבד ה'. אויף אזוי ווייט איז דאס וויכטיג, אז דאס טוט טוישן די דמות פון זיין עבודה. ער איז באקליידעט מיט די בגדים פון א עבד ה', דערפאר איז ער יעצט א כהן אן עבד ה'. ער איז נישט קיין זר!.

## די הוטן פון די עבדי ה'

**מיר** לערנען דערפון א שטארקע לעקציע. מיר לערנען ווי ווייט די חיצוניות באדייט, וויפיל עס מיינט די דרויסנדיגע אויסזעהן וואס א מענטש שטעלט פאר, מיר לערנען וואס דאס מיינט זיך אנטאן א שווארצע הוט. גייסטו יעצט פרעגן "וואס פאר א חילוק טוט דאס שאפן ? איך בין א פרומער איד, מיין קאפ איז אנגעפילט מיט תורה. וועמען גייט אן וואס איך לייג ארויף אויף מיין קאפ ? ! א גרויע הוט, א בלויע הוט, בכלל קיין הוט, וועמען גייט עפעס אן איבער א הוט ?

ניין. א שווארצע הוט מאכט א דיפערענץ, אלע דיפערענצן פון די וועלט. איינמאל א מענטש דעמאנסטרירט קלאר אז ער באלאנגט צו הקב"ה, איז דער מענטש אנגעקומען צו איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען, אז די גאנצע וועלט מעג אים מקנא זיין. ווען א איד טוט זיך אן א שווארצע הוט, זאלסטו וויסן אז דאס איז נישט סתם א מנהג. א שווארצע הוט באדייט עפעס. דו טוסט זיך אינדענטיפיצירן מיט די תורה וועלט, מיט אלע מענטשן וואס זענען שלומי אמוני ישראל. און דאס איז א געוואלדיגע דעמאנסטראציע.

עוטר ישראל בתפארה! השם האט אונז באקרוינט מיט א פרעכטיגע קרוין. עס קען זיין אפילו א אלטע

הוט, מער נישט אזוי שיין אויסגעפארעמט, אבער עס איז פראכט. ווען דו טוסט אן א שווארצע הוט אויפן דיין קאפ - אודאי מאכט מען די ברכה אויף סיי וועלכע הוט - אבער א שווארצע הוט איז א עטרת תפארת, ס'איז א פרעכטיגע קרוין. דו מוזט דאס פארשטיין. און ס'איז נישט נאר די הוט, א יארמולקע איז אויך עפעס. דיינע ציצית הענגען ארויס אינדרויסן. דיין ווייסע העמד, דיינע פיאות. וואס ס'זאל נאר זיין, טוסטו זיך אינדענטיפיצירן מיטן עם השם!

## די קאפ צודעק פון אן אריסטאקראטישע פרוי

**דאס** וואס איך זאג דא יעצט, גייט אויך פונקט אזוי אן ביי יעדע אידישע פרוי. א פרוי וואס טראגט א שייטל, אדער א טיכל, זי טוט זיך אינדענטיפיצירן מיט דעם אידישן פאלק! זי דעמאנסטרירט אז זי איז אן עבד השם.

מאכט נאר נישט קיין טעות איבער דעם. ס'איז נישט די פנימיות. דו פארדינסט זיך נאך נישט אלע געהויבנקייטן און גרויסקייטן פון דעם קוואליטעט און אויפפירונג וואס פעלט זיך אויס פאר אן אמת'ן עבד השם. דאס פארדינט מען נאר נאך יארן פון לערנען און התבוננות. ס'איז אזוי וויכטיג פארן מענטש צו לערנען און זיך אנפילן די מח מיט איידעלע באגריפן. לערן ספרים, אגדתא, יראת שמים, ס'ענדיגט זיך נישט די התבוננות וואס איז וויכטיג פאר דיר זיך אנצופילן דעם קאפ. לערן חובות הלבבות, מסילת ישרים. אלע געוואלדיגע ספרים, רבינו יונה אויף משלי, רבינו יונה אויף פרקי אבות, רמב"ם אויף פרקי אבות, רמב"ם הלכות דעות, הלכות תשובה. ס'איז דאך דא אזוי פיל צו לערנען. ביסט נאך נישט אנגעקומען דערצו. אבער מיטן אנטוהן א שווארצע הוט אויפן קאפ, אדער א טיכל, האסטו דערגרייכט די געוואלדיגקייט פון די חיצוניות. דאס אליין איז א געוואלדיגע דערגרייכונג פארן עבד ה', און ס'איז א שרעקליכע טעות זיך אנטקעגן צו שטעלן דערויף.

## דער חסידישער אינגערמאן אין פלעטבוש

**שטעל** דיר פאר אז ער טוט אפילו מער פון דעם. ער טראגט א קאפאטע (רעקל), ער האט פיאות. דאס איז דא א יונגער חסידישער מאן שפאצירט אין פלעטבוש צווישן נאקעדיגע מענטשן - מענטשן אן קיין הוטן אויף זייער קאפ. ער שפאצירט צווישן מענטשן וואס האבן גארנישט אין זייער הארץ בכלל. נישט טראכנדיג אינגאנצן פונעם אויבערשטן. און דא גייט זיך איין מענטש אויפן גאס, אויסרופנדיג "איך בין פארן אויבערשטן!".

אויך ווען דו זעסט א אידישן טראק-דרייווער קומט ארויס פון זיין דעליווערי טראק. א גרויסע כשר'ע טראק. עס שטייט דערויף אין גרויס 'מהדרין'. ער טאנצט ארויס פונעם טראק מיט בארד און פיאות. א טראק-דרייווער, דאס איז א קידוש השם. אנשטאט א באָם זאל ארויסקומען פונעם טראק, קומט ארויס א פרומער איד. ער דרייווט א טראק צו ברענגען כשר'ע עסנווארג פארן אויבערשטנס פאלק. ער איז נישט פארביטערט. ער איז שטאלץ זיך ארויסצושטעלן צו זיין אנדערש. ער טראכט אפילו נישט אריין דערין, אבער ער גייט ארום דעם גאנצן טאג, אויסרופנדיג "איך בין דעם אויבערשטן'ס".

דער אויבערשטער שעצט אלע חיצוניות'דיגע מעשים, וויאזוי דו ביסט אנגעקליידעט, מיט וועם די טוסט זיך אינדענטיפיצירן דורך דיינע קליידונג, וואס רופסטו אויס מיט דיין קליידונג, ס'איז אלעס חיצוניות, אבער טראגט א גרויסע חשיבות ביים אויבערשטן. און דאס אלעס ווערט פארשריבן אין דיין ספר הזכרונות, אז דו האסט אויסגערופן און דעמאנסטרירט אז דו ביסט אן עבד השם. און דאס מאכט אויס א גרויסע דיפערענץ אויף דער וועלט. ווייל ווען א מענטש שרייט אויס קלאר אז ער באלאנגט צו הקב"ה, דער מענטש איז אנגעקומען צו איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען אין לעבן. ער האט זיך דערנענטערט צום אויבערשטן מיט זיין חיצוניות.

## אין וועלכע געגנט וואוינט איר?

**דאס** איז די סיבה פארוואס ס'איז וויכטיג צו וואוינען אין א פרומע אידישע געגענט. יעדער איינער האלט זיינע ציצית אינדרויסן זייענדיג אין א פרומע

אידישע געגענט. ווען מענטשן פאנגען אן צו גיין צו א נישט פרומע געגענט, טוען זיי צוביסלעך איינער נאך צווייטן באהאלטן זייערע ציצית אין די הויזן. נאך א שטיק צייט, צוואנציג גאסן שפעטער, קענסטו מער נישט זעהן קיין ציצית. גייסט אריבער א מענטש, דו האסט נישט די מינדעסטע ידיעה צו ער איז א איד. ער איז אנגעטוהן ווי אלע גוים. נאר אויב דו ביסט גענוג הויעך, וועסטו קענען באמערקן א קליין קאפעלע פלאצירט אויף זיין קאפ. און אפילו אזוי איז דאס אויך עפעס. ס'איז א זייער קליינע נדבה צו דעם יסוד, ער איז כאטש א מודה במקצת, כאטש איז דאס עפעס. אבער אין א פרומע אידישע געגענט גייט יעדער איינער מיט די ציצית אינדרויסן. קליינע קינדער מיט גרויסע קאפלעך און ציצית. אלע פרויען זענען געקליידעט בצניעות. דו קענסט נישט זעהן קיין אויפגעדעקטע ארבל. יעדער איינער איז געווידמעט אין זייער חיצוניות צו השם.

## די אידישע בגדים האלט אן די פאלק

**וואס** זאגן מיר מיט אונזער קליידונג? מיר זאגן פאר די וועלט, נישט קיין חילוק ווי פארשווארצט מען איז, נישט קיין נפק"מ מיט וויפיל שלעכטס און אפיקורסות די וועלט איז אנגעפילט, שטייען מיר נאכאלץ שטאלץ. און מיר זענען דא צו בלייבן. מיר זענען פאר'עקשן'ט - מיר זענען אן עם קשה עורף - און מיר טרעטן נישט אפ פאר גארנישט. און דערפאר, קליידן מיר זיך אזוי. מיר שטאלצירן אז מיר באלאנגען צו השם און אזוי וועט דאס בלייבן אויף שטענדיג. ס'איז זיכער אז געציילטע קענען ווערן פארלוירן. ס'איז א טראגעדיע, אבער שטענדיג וועט זיין וואקלדיגע מענטשן אין אזא גרויסע פאלק, אויסערארדנטליך, פון די נחשלים אחריך, וואס שטייען נישט פעסט פאר זייערע אידיאלן, זיי ווערן פארשניטן פון אונזער מענטשן. אבער אז דו קוקסט אויף א ציבור'ישע פארנעם, זענען מיר דא אויף שטענדיג. און מיר ווייסן אז השם וועט אונז דערהאלטן אויף שטענדיג, ווייל מיר זענען דא נאר פאר אים. און דערפאר קליידן מיר זיך פאר אים.

## לאמיר דאס נעמען צום קומענדיגן שטאפל

**זיך** צו אינדענטיפיצירן מיטן עם השם, מיט די עבדי השם, מיינט דאס אז דו טוסט זיך אינדענטיפיצירן מיט השם אליין. דו דעמאנסטרירסט אז דו ביסט דא אויף דער וועלט נאר פאר איין איינציגע ציל, און דאס איז, צו דינען השם. און די דאזיגע וויכטיגע באדייט פון עבודת השם איז די לימוד וואס מיר לערנען זיך אין די וואכעדיגע פרשה פון די בגדי כהונה. טראץ די גרויסע און וויכטיגע מעלה פון זיין א ערליכער איד בפנימיות, טוט אונז די בגדי כהונה לערנען, אז מיר זאלן נישט אונטערשאצן דאס ווערד פון דעם פשוט'ן באוויז - מיטן זיך אהערשטעלן אלס פרומער איד.

און דאס איז אזא ווערדפולע דערגרייכונג, אז דאס ווערט גערעכנט אלס אזא דערגרייכונג וואס בלייבט נאכאנאנד אויף אייביג פארן אידישן פאלק. 'אלמלא בגדי כהונה לא נשתייר משונאיהן של ישראל שריד ופליט'. דער זכות פון די בגדי כהונה, פון טראגן דעם יוניפארם פון די עבדי השם, בלייבט אויף שטענדיג אלס א זכות צו אפהיטן דעם אידישן פאלק.

איך מוז ענק אבער זאגן, אז דאס אלעס וואס מיר האבן דא גערעדט היינט אויפדערנאכט, איז באמת נאר די התחלה פון די עבודה פון טראגן די בגדים פון אן עבד השם. ווייל אפילו אין די דאזיגע פשוט'ע עבודה, די עבודה פון חיצוניות, איז דא העכערע און נאך העכערע דרגות פון זיך דערנענטערן צו השם. ווועלמיר דא פרובירן אין די איבערגעבליבענע צייט וואס איז נאך געבליבן, זיך צו רוקן פונעם שטאפל וואס מיר האבן דערוויל גערעדט, און אינאיינעם זיך דערהייבן העכער.

ווען א כהן טוט אן זיינע קליידער, אפילו ער טראכט נישט אריין וואס ער טוט, פרובירט ער זיך צו אהערשטעלן אלס כהן. חוץ פון די גרויסקייט פון באווייזן זיין געטריישאפט צו השם, טוט ער זיך דעמאלטס פאקטיש אויך טוישן בפנימיות צוליב די קליידונג. ער טוט זיך אן ס'איז אפשר א זייער אן איידעלע געדאנק, אבער ס'איז קלאר ריכטיג.

## דער טראבל-מעיקער ווערט א פאליציאנט

**איך** וועל געבן דא א משל. פארשידענע פאליציאנטן, ווען זיי זענען געווען יונג, זענען זיי געווען טראבל-מעיקער'ס. זיי זענען געווען נידריגע מענטשן. אבער נאך זייער אריינטרעטן אין די פאליציי-קראפט, נאך זייער אנטוהן די יוניפארם, שטעלן זיי זיך יעצט פאר גערעכטיגקייט און ארדענונג. זיי טוהן דאס באמת. נאך יארן לאנג טראגן די יוניפארמ'ס, די דאזיגע נידריגע מענטשן, די טראבל-מעיקער'ס, ווערן זיי יעצט גערעגט ווען איינער ברעכט דאס געזעץ. וויאזוי קען דאס זיין ? איך וועל דיר זאגן ווי אזוי דאס פאסירט. די יוניפארם'ס זענען דאס וואס האט זיי געטוישט ! עס מאכט זיי פילן אז ס'איז זייער אחריות. זיי זענען געשטעלט פאר עפעס. די קלארע דעמאנסטראציע מיינט עפעס, און מיר זאלן דאס נישט מזלזל זיין. יעדער פאראנטווארטליכער מענטש ווערט אפעקטירט דורך א יוניפארם.

דאס איז א פשוט'ע פאקט אז א מענטש וואס איז געקליידעט רעספעקטפול, בכבוד'יג, טוט דאס אפעקטירן זיין כאראקטער. דער פאליציאנט אין זיין יוניפארם, אזוי אויך דער דאקטאר אין זיינע בגדים, און דער מענדזשער אין באנק אנגעטוהן מיט זיין סוט, דאס האט א אומגעהויערע עפעקט אויף דעם וואס טראגט די דאזיגע בגדים. און דערפאר, ווען דער כהן טוט זיך אן די בגדי כהונה, להבדיל, טוט דאס אים אויטאמאטיש טוישן, און ס'פילט אים אן מיט א געפיל פון אחריות זיך צו פירן ווי א כהן.

## החיצוניות מעוררת את הפנימיות

**דער** מסילת ישרים ברענגט ארויס דעם וויכטיגן יסוד מיט די פאלגענדע ווערטער: החיצוניות מעוררת את הפנימיות - דאס חיצוניות ערוועקט דעם פנימיות (פרק ז'), אויב רעדסטו ווי א מענטש, און פירסט זיך אויף ווי א נארמאלער מענטש - אפילו אויב דו ביסט נישט - דעמאלסט וועסטו זיך מיט די צייט טוישן. דו וועסט אנפאנגען צו ווערן א נארמאלער מענטש. עס גייט האבן אן עפעקט אויף דיר. און דאס זעלבע איז וויאזוי דו ביסט געקליידעט. דער פאליציאנט וואס טוט זיך אן די פאליצייאישע קליידער, פאנגט זיך אן צו פירן ווי א פאליציאנט. דער באנק-מענדזשער וואס טוט זיך אן זיין סוט, טוט ער זיך בפנימיות אוועקשטעלן אז ער איז דער באנק-מענעדזשער, און ער הייבט אן זיך אויפצופירן אזוי. ס'איז דקות'דיג, אבער ריכטיג.

יעצט איז אזוי, ווען א כהן קומט אין בית המקדש, איז דאס חיצוניות. ס'איז דא א בית דין פון כהנים וואס זיי טוהן אכט געבן אויף אלעס וואס קומט דארט פאר. און זיי מאכן זיכער אז דער כהן דארף זיך באנעמען ווי ס'דארף צו זיין, אז ער זאל זיין אנגעטוהן מיט די ריכטיגע בגדים, און זיין צוגעגרייט צו די עבודה. זיי מאכן אויך זיכער אז ער זאל נישט צופיל רעדן. אויב שטייסטו פארן אויבערשטן, עפנט מען זיך נישט די מויל. די כהנים דארפן האלטן זייער מויל פארמאכט. אזוי אויך אז די כהנים זאלן זיך נישט פוילן. כהנים זריזים הם. און א כהן דארף שפאנען אונטערן רושם פון יראת השם. אפילו ער האט דאס נישט, מוז ער גיין פאמעליך אזוי ווי ווען ער גייט פארנט פון א קעניג.

ממילא, ווען א מענטש ארבעט אונטער אזא אטמאספערע, און אלעס ארום איז פארכטיג, מיט גרעסטן מאס רעספעקט, טוט דאס אים אפעקטירן. און במשך הזמן, ווערט ער אנדערש. און דערפאר, ווען דער כהן טוט זיך אן די בגדי כהונה, און ווען ער פאנגט אן זיך צו אויפפירן ווי א כהן, טוט ער זיך למעשה טוישן. ער ווערט אן אנדערער מענטש, ס'איז נישט קיין שאלה. אן עלטערער כהן איז איינער וואס זיין כאראקטער איז זיכער געווארן טראנספארמירט.

יעצט, איך גיי נישט זאגן אז דאס איז שוין אלעס וואס מען האט צו טוהן. אין קיין שום פאל ! רחמנא ליבא בעי ! דער אייבערשטער וויל דיין הארץ, דיין פנימיות. דאס איז קלאר. דו קענסט נאר ווערן חשוב, נאר דורך'ן זיך אנפילן מיט תורה'דיגע געדאנקען, תורה'דיגע אויפפירונג, און תורה'דיגע השקפה. זאלסט אבער וויסן, אז אפילו נאר מיט דעם פשוט'ן חיצוניות'דיגן ארויסשטעלן זיך אלס עבד השם, ביסטו שוין אויך אנגעקומען צו א חשוב'ע מצב, צוליב וואס אלס רעזולטאט דערפון ביסטו געווארן א מער ערליכער מענטש. וועגן דעם, איז דאס סיי פאר דיר אליין און אויך פאר דיין פאלק, א שטענדיגע אויפטו.

## צו באשטעלן ביי אונז
## קונטרסים גליונות פאר:

שבת באווארפן / שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די תפילות, קריאת התורה,
זמירות און ברהמ"ז

**לויט אייער פארלאנג,**

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך

**615.680.9029**

gilyonosshabbos@gmail.com




***לייענט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס "גליונות לשב"ק",***

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**
**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין** און טוהן **חסד**
מיט הונדערטער אידן
אריינצוברענגען אין זיי **חיות** און **דעת**

**רופט צו מנדב זיין תורת אביגדור**

**845-213-7571**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

## הפצת השבוע פ' תצוה

**נתנדב**

**לע"נ יהודה יחיאל בן אברהם ע"ה**

**זכות הרבים יעמוד לו**
**להתברך בכל מילי דמיטב**

# עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי

## שאלה:

**ווי אזוי קען מען צוקומען צו א מדריגה פורים צו טרינקען עד דלא ידע בלויז לשם שמים?**

## תשובה:

**כ'וועל** אייך בעזהש"י זאגן א פירוש אויף די ווערטער פון "**עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי**," מען זאל נישט טרינקען ביז צום גרעניץ וואס מען פארלירט דעם דעת, ווייל אום פורים דארף מען האבן דעת. אויב מען טרינקט אביסל קען מען באקומען דעת אבער די "איבער די מאס" פארלירט מען זיך.

**אביסל** טרינקען איז ווי אן עראפלאן וואס דארף הי"י עקש"ן גע"ז זיך צו קענען הייבן אין די לופט. אביסל אלקאהאל קען הייבן דעם מענטש אין די לופטן אבער צופיל קען שווין שאטן.

**שאלות און תשובות**
מיט
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

**ס'איז** נישט קיין שום תועלת צו שלאפן אום פורים ווי א שיכור, דאס ברענגט נישט קיין דעת. איר וועט גארנישט פארדינען אויב איר וועט ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד ווארטנדיג אז דער הצלה מאן זאל קומען.

**אויב** מען נוצט אויס דעם טאג ווי עס דארף צו זיין קען מען צוקומען צו גרויסע זאכן.

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"